## ויסעו ממארינבאד ויחנו במאנטריאל

**נאָך** דריי יאָר וואָס זיי האָבן געוואוינט דאָרט אין מאַרינבאַד האָבן זיי זיך געצויגן קיין מאָנטרעאַל, וואו דער זיידע ר' משה איז געווען פון די חשוב'סטע סאַטמאַרער חסידים וועלכער האָט אַסאַך צוגעהאָלפן פאַר'ן אויפבוי פון די אָרטיגע סאַטמאַרער קהלה און מוסדות אין די שטאָט.


זיידע באבע ביים אפשערן פון איינע פון די קינדער שיחי' אין מאנטריאל

**די** זיידע איז געווען באַקאַנט אַלס איש חסיד וחסד. ער האָט דאָרט אין מאָנטרעאַל אָנגעפירט א פיש-געשעפט, וואו ער האָט שטילערהייט אַרויסגעהאָלפן פאר אַסאַך נויטבאַדערפטיגע משפחות, פאר וועמען ער האָט געגעבן פיש אויף שבת ויום טוב פאר גענצליך אומזיסט, אָדער צומאָל ווען ער האָט גערעכענט גאָר ביליגע פרייזן אַז די משפחות זאָלן זיך נישט דאַרפן שעמען אַז זיי באַקומען אומזיסט, און אַזוי האָבן אַסאַך משפחות נהנה געווען פון זיין לב טוב וחסד.

## אוהב שלום ורדף שלום

**באזונדער** איז דער זיידע געווען באקאנט פאר א שתקן, און ער איז געשטאנען ווייט פון יעדע סארט לשון הרע ומחלוקות ווי פון פייער, ער האט זיך קיינמאל נישט געמישט אין קיין פאליטיקס וכדומה, נאר אלץ געזוכט מרבה צו זיין אהבה אחוה ושלום וריעות צווישן אידישע קינדער.

**מיט** גאלדענע אותיות דארף דערמאנט ווערן די מסירות נפש'דיגע מיטארבייט פון זיין טרייע לעבנס-באגלייטערין, די באבע ע"ה, וואס איז ווי א ריכטיגע אשה כשרה אים געשטאנען צו די רעכטע האנט, און אים באדינט ווי א מלך מיטן גרעסטן מאס כבוד, מיט שטאלץ און ווירדע במשך אלע זיינע יארן - און פריידן און אין ליידן, און אים צוגעהאלפן אנגיין מיט אלע זיינע אקטיוויטעטן, און קביעות עתים לתורה.



דער זיידע ד"ל ביים אינטערפירן אינטער די חופה יבלחט"א בנו הרה"ח ר' אברהם שלום הי"ו

**דער** זיידע ר' משה ז"ל האט ליידער נישט מאריך ימים געווען, נאר ער איז פריצייטיג נפטר געוואָרן ביום צום גדלי' ג' תשרי תשל"ט לפ"ק אין א יונגן עלטער, איבערלאָזנדיג די באבע ע"ה אַלס אַן אלמנה מיט א שטוב מיט זיבן קינדער וואָס זענען נאָך געווען פאר די חתונה. טראָץ דעם גרויסן בראָך האָט די באבע זיך מחזק געווען אָנצוגיין ווייטער, און האָט אויף זיך דעם עול פון ווייטער פירן דעם שטוב לשם ולתפארת.



דער זיידעע ביים טאנצן מצוה טאנץ לפני הכלה ביי איינס פון די קינדער

## טוב איש חונן ומלוה

**אן** אינטערעסאנטער עפיזאד האט דער באבע דערציילט, אז נאך ווען דער זיידע ר' משה איז נפטר געווארן, איז געקומען צו איר הרה"ח הישיש מוה"ר יוסף לייב פערענץ ע"ה מיט א ריזן סומע געלט פון 35,000 דאללער (א סכום גדול בימים ההם), האט די באבע - וואס האט פארשטאנען אז ער וויל איר דא שטיצן דערמיט - אים געזאגט, אז זי האט ב"ה גענוג געלט פון ווי צו לעבן, און זי וויל בשו"א נישט לעבן פון צדקה געלט, האט ר' יוסף לייב איר געזאגט, אז די געלט האט איר מאן ר' משה ע"ה אים געגעבן, אז ער זאל קענען פארבארגן פאר נצרכים, בהצנע לכת!, און יעצט ברענגט ער צוריק די איבריגע געלט.



די מצבה פונעם זיידן ר' משה ז"ל אויפן ביה"ח דקיט"ל ד'סאטמאר אין מאנטריאל

**דער** פולער און אויספירליכער לעבנס ביאגראפיע פונעם זיידן ר' משה ז"ל, מיט זיינע פילפארביגע מעשים טובים ומעשי החסד, האפן מיר בעז"ה ארויסצוגעבן אויף דער קומענדיגער יארצייט.

## די שפעטערע יארן אין קרית יואל

**עטליכע** יאָר נאָכ'ן זיידן ר' משה'ס פטירה האָט די באבע זיך געצויגן קיין ניו יאָרק און האָט זיך באַזעצט אין קרית יואל. זי האָט שפעטער חתונה געהאַט בזוו"ש מיט איר געהויבענעם מאַן הרה"ג רבי מאיר מאָשקאָוויטש ז"ל, וועלכער האָט אין די פריערדיגע יאָרן געוואוינט אין מאָנטרעאַל, וואו ער האָט מרביץ תורה געווען פאר די בחורי חמד פון די סאַטמאַרער ישיבה קטנה, און ער איז אויך געדינגען געווארן דארט אין מאנטריאל דורכ'ן זיידן ר' משה צו לערנען מיט זיינע קינדער.

**שפעטער** האָט רבי מאיר זיך געצויגן קיין קרית יואל, וואו ער האָט געדינט אַלס ר"מ און שפעטער אַלס מנהל רוחני פון די ישיבה קטנה בקרית יואל, זייענדיג א מוסטער פאר די בחורים מיט זיין התמדת התורה, מיט זיין יראת שמים און חסידות, ובפרט מיט דעם אוצר פון מדות טובות וואָס האָט שטאַרק משפיע געווען אויף די בחורים.

**די** באבע ע"ה האָט זיך גלייך צוגעשטעלט אַלס ריכטיגע עזר כנגדו פון איר מאַן, און אַלץ זיכער געמאַכט אַז זיין צייט איז פריי פאר הרבצת התורה אָן קיין שטער. זי האָט אים געטריי אָפּגעוואַרט און באַדינט, און אַלץ נאָר אינזינען געהאַט אַז איר מאַן זאָל קענען אָנגיין מיט זיין שיינעם סדר היום.

**זיי** האבן צווישן זיך געעהאט א שיעור אין סיפורי צדיקים, ר' מאיר פלעגט צו דערציילן די הייליגעע און מקובל'דיגע מעשיות פון די צדיקי הדורות, און דער באבע האט עס צוגעהערט מיט גרויס אינטערעסע, און מיר איר איינגעבאקענע אמונת צדיקים וואס זי האט געהאט פון יונגווייז אן.

**רבי** מאיר האט אויך שטארק מחשיב איר ערליכקייט און תמימות, ער האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אז ער איז מקנה איר תהילים זאגן יעדן שבת פארטאגס מיט אן השתפכות הנפש.

# פרק ה'

## אשה יראת ה'

# זכרונות און שטריכן איבער די נאבעלע פערזענליכקייט פון אונזער אומפארגעסליכער באבע מרת אלטא פרומט ע"ה



## די באבע מרת אלטא פרומט ע"ה

די באבע ע"ה געבויגן איבער די שבת ליכט בעת זי איז מתפלל אירע הייסע תפילות צום מלך מלכי המלכים הקדוש ב"ה

# ארייַנפיר

**ווען** עס קומען אַרויף די זכרונות פון אונזער חשובע באבע ע"ה, קען זיך נישט פאַרגעסן דאָס געוואַלדיגע יראת שמים וואָס די באבע האָט פאַרמאַגט. די באבע האָט זיך געפירט ווי אַ ריכטיגע פאַרצייטישע אידענע פון דער אַלטער היים, קאָכנדיג פאַרן הייליגן בורא כל עולמים מיט אַ ברען און אויסערגעוועהנליכע פייער, ציטערנדיג פון אַן עבירה אין פשוט'ן זין פון וואָרט.

**די** באבע האָט שטענדיג מקיים געווען די ווערטער פונעם הייליגן תנא "הוי רץ למצוה קלה כבחמורה", ווען זי האָט כסדר געזוכט ווי נאָך מען קען אַרייַנכאַפּן אַ מצוה, אַ חסד, צו וואָס עס זאָל נאָר זיין, צו שאַפן אַ נחת רוח פאַרן טאַטן אין הימל.

**עס** איז נישט פון די גרינגע זאַכן ווען אַצינד נאָך איר פּטירה דאַרף מען זיך צוזאַמענקלויבן די מחשבות צו שרייבן די ריכטיגע דברי הערכה אויף איר, און אַרויסברענגען דער אַפּשאַצונג וואָס זאָל באמת זאָגן ווער די פרוי איז געווען, אין אַ צייט ווען מיר זענען שטענדיג זיכער געווען אַז אָט אָט וועלן מיר גיין קענען משיח מיט איר אינאיינעם, און עס איז קיינמאָל נישט בייגעפאַלן פאַר איינעם אַז איין טאָג וועט מען דאַרפן פאַרצייכענען די שיינע שטריכן און אירע דערהויבענע זיטן אויפן פּאַפּיר, אַז עס זאָל נישט פאַרגעסן ווערן פון די קינדער און אייניקלעך ווייטער.

**מיר** וועלן דאָך פּרובירן ווי ווייט מעגליך אַראָפּצוגעבן וויפיל עס איז שייך, און וויפיל די זכרונות ערלויבן, אָבער עס איז קלאָר אַז אפס קצהו תראה וכולו לא תראה, עס איז אַסאַך מער וויפיל מען קען שרייבן אין אַ באַגרעניצטע באַשרייבונג, והרבה יותר ממה שקראתי לפניכם כתוב כאן.

## אשה יראת ה' היא תתהלל

**די** באבע'ס יראת שמים האט זיך אנגעזען אויף טריט און שריט אנטלויפנדיג פון יעדע מינדערסטע זאך וואס איז געווען קעגן דעם רצון, צום ביישפיל, ווען עס איז געקומען צו לשון הרע איז די באבע אנטלאפן דערפון ווי פון פייער. אלע אייניקלעך האבן געוויסט, אז ווי אנגענעם עס זאל נאר זיין צו שמועסן מיט די באבע, און די באבע איז טאקע געווען גאר א געשמאקע שמועס'ער און פארברענגערע, אבער די מינוט וואס עס האט זיך אנגעהויבן גרעניצן מיט עפעס א לשון הרע'לע, אדער סיי וועלכע נישט אינגאנצן אויסגעהאלטענע זאך, האט עס די באבע וויי געטון ביזן טיפעניש פון הארץ, און זי האט גלייך פארדרייעט דער שמועס צו עפעס אנדערש.

**עס** האט דערציילט אונזער קרוב המשפחה מרת שווימער תחי' לאויט"א (אשת הרה"ח הישיש ר' חיים הערש הי"ו), אז ווען די באבע האט נאך געוואוינט אין מאנטריאל, איז געווען באקאנט פאר אלע קרובים וואס האבן דארט געוואוינט, אז ווען אימער מען האט געוואלט איבערעדן סיי וועלכע פריוואטע זאך וכדומה, איז דער באבע אלטא פרומט ע"ה געווען דער ריכטיגער אדרעס דערפאר, וויסענדיג אז פון איר וועט גארנישט גיין ווייטער, און זי וועט נאר פרובירן צו העלפן מיט וואס נאר מעגליך.

**דאס** יראת שמים פון די באבע האט זי נאך געהאט בירושה פון איר גרויסן זיידן - איר מאמע'ס טאטע - רבי הערשל פאטיק'ער ז"ל (ווי געשילדערט אין פרק א' ענף ב'). די באבע ע"ה האט נאך גוט געקענט דעם זיידן ר' הערשל ז"ל און זי פלעגט אסאך צו רעדן פון אים, פון זיין גרויסן יראת שמים וואס האט געשיינט און אראפגעלאכטן פון זיין פנים.

## ותורת חסד על לשונה

**ווען** עס קומט צו רעדן פון די באבע'ס אויסגעוועלטע מדות טובות, קען מען רעדן און רעדן אן אויפהער. דאס גוטסקייט פון די באבע, און איר ווייכע הארץ צו יעדן, איז ממש אומבאשרייבליך. וויפיל מיר זאלן נאר וועלן קענען מיר נישט געדענקען אז די באבע זאל זיך אפילו איינמאל אויפרעגן אויף אן אנדערן. וואס עס זאל נאר האבן געווען איז די באבע אלץ געבליבן

מיט איר שטענדיגע ליבליכע שמייכל, עס האט פשוט נישט עקזעסטירט ביי די באבע אזא זאך ווי ארויסגיין פון איר רואיגן געמיט.

**זי** האט איר איר לעבן נישט געלאזט פאלן קיין שלעכט ווארט פאר א צווייטן, אבער טאקע ממש "קריינמאל" נישט, זי האט יעדעם אויפגענומען וויאזוי מען איז, זי האט אלעמען מחשיב געווען, און יעדער האט זיך געשפירט אנגענומען און ארויפגעקוקט ביי איר.

**באזונדער** איז זי געווען באקאנט מיט איר מדת החסד וואס זי האט נאך אריינגעבאקן אין זיך אלץ יונג קינד ביי איר פאטער ר' יוסף פנחס אין שטוב, און דאס האט זי מיטגענומען אלע יארן מיט זיך, און ממש געאטעמט חסד און גוטסקייט אין אלע שעות פונעם מעת לעת.

**ווען** זי האט נאך געוואוינט אין מאנטריאל אין די פריערדיגע יארן, האט זי יעדן שבת קודש געהאט אפענע טירן, און זי האט אריינגענומען פילע בחורים צו עסן די סעודת שבת ביי זיך אין שטוב, ווען זי האט אינאיינעם מיט דעער זיידע ר' משה מקיים געווען דעם "יהי ביתך פתוח לרווחה" מיט דער מצוה פון הכנסת אורחים אויפן שענסטן פארנעם מידי שבת בשבתו.

## אל הנער הזה התפללתי

**דער** פאלגענדער עפיזאד ווארפט א שטיקל בילד אויף די באבע'ס הארציגע גוטסקייט וואס איז געגאנגען אסאך ווייטער ווי מיר זענען משיג און פארשטייען, ס'איז געווען אן קיין שום חשבונות ווען ס'איז געקומען צו העלפן א צווייטן איד פון זיין קלעם, ובפרט ווען דו רעדע איז געווען פון אן אייגענער משפחה מיטגליד.

**עס** איז געווען אין די ערשטערע יארן נאכן קריג, ווען די באבע האט געוואוינט אין מאנטריאל, ווי עס האט אויך געוואוינט איר איינציג פארבליבענער שוועסטער די חשובע עלטער מומע מרת חנה עדלשטיין ע"ה. אין דער צייט ווען די באבע האט שוין געהאט עטליכע קינדערלעך קע"ה, האט אבער איר שוועסטער נאכנישט געהאט קיין קינדער, און זי האט שטארקע ארויסגעקוקט געהאלפן צו ווערן מיט זש"ק.

**די** באבע האט געהאט דערפון גאר אסאך צער, נישט קענענדיג צוזעהן ווי איר שוועסטער וואס איז אויך אריבער אושוויץ, האט נישט מיט וואס זיך מחזק צו זיין, און זי זעה נאך דערווייל נישט קיין אייגענע דורות. האט דער זיידע אינאיינעם די באבע האבן דאן באשלאסן נישט מער און נישט ווייניגער ווי דאס אז דער קומענדיגער קינד וואס דער באשעפער וועט זיי געבן, וועט מען אהינשענקן פאר די פעטער און מומע עדלשטיין אויפצוציען. עס איז געגאנגען אויף אזוי ווייט אז ווען זי האט טאקע געהאט דער קומענדיגער קינד, האט דער זיידע געזאגט פאר זיין שוואגער ר' אברהם עדלשטיין, אז ער קען געבן די נאמען פארן קינד נאך זיין מוטער, ווייל ער וויל אים שענקן אויך דאס נאמען געבן פארן קינד.

**אין** יענע תקופה, האט די באבע געזעהן ביינאכט אין חלום נישט קיין צווייטער ווי איר פאטער ר' יוסף פנחס ז"ל, ווען א ברייטע שמייכל איז אויסגעשפרייט אויף זיין שיינעדיגע צורה. בצר לה האט די באבע זיך געוואנדן צו אים אין חלום און געפרעגט וויאזוי ער קען זיין אזוי פרייליך ווען זיין טאכטער חאנטשי (חנה) ווארט אזוי געהאלפן צו ווערן מיט קינדער?, איר טאטע האט איר אבער נישט געענטפערט מער ווי זאגענדיג מיטן זעלבן רואיגן שמייכל אויף זיין פנים: "עס וועט אלעס זיין גוט", און ער איז פארשווינדן געווארן.

**אינדערפרי** האט די באבע דערציילט דער חלום פאר איר שכנה מיט וועם זי איז נאנט געווען, און ביז א קורצע תקופה האט זיך ארויסגעשטעלט אז איר שוועסטער איז געווען א געהאלפענער, ווען מיט עטליכע חדשים דערויף איז זי געהאלפן געווארן מיט א אייגן קינד צו איר גרויס פרייד און צו דער דער גרויסער שמחה פון איר שוועסטער די באבע ע"ה וועלכע האט נישט גענומען קיין גרעניץ. שפעטער האט די מומע געהאט נאך קינדער, און ב"ה זוכה געווען אויפצושטעלן א הערליכער חסידישע שטוב, פון די שענסטע שטובער בקהילת וויזניץ.

## ועטרת זקנים בני בנים

**איר** גאלדענע הארץ פאר יעדן איינעם איז געווען גאר באקאנט פאר יעדן פון אונז. און בפרט ווען עס איז געקומען צו אירע קינדער און אייניקלעך איז איר הארץ ממש צולאזט געווארן ווי פוטער, מיט אזא גוטסקייט און איבערגעגעבנקייט וואס לאזט זיך גארנישט זאגן.

**איר** אויסערגעוועגליכער און זעלטענער געטריישאפט צו אונז, אירע קינדער און אייניקלעך, איז געווען ביי אונז אלע א שם דבר. מיר האבן אלעמאל געוויסט אז מיר האבן צו ווענדן זיך צו ווענדן מיט אונזערע פראבלעמען, די באבע האט שטענדיג געהאט אן אפן אויער צו יעדן באזונדער. יעדער פון אונז האט געהאט א פלאץ ביי איר אין הארץ, און יעדער האט זיך געשפירט ביי די באבע ווי אן איינציג קינד, טראצדעם וואס זי איז געווען דער ראש המשפחה פון אזא קינדער געבענטשטע פאמילע בליעה"ר.

**אין** וועלכע מצב עס זאל נאר זיין, האט די באבע קיינמאל ארויסגעוויזן קיין אומגעדולד. עס איז געווען גאר וואונדערליך צו זען ווי די באבע זעצט זיך אראפ ווי זי האט די וועלטס צייט, אויסצוהערן וואס אונז האבן איר צו דערציילן. און שטענדיג האט די באבע געהאט די ריכטיגע רייד און מויל מחזק צו זיין אין א יעדע שווערע מצב, צו מיט דיבורים, צו מיט מעשים, איז די באבע שטענדיג געשטאנען גרייט צו העלפן יעדן פון אונז.

**פאר** יארן לאנג ביז ממש אין די לעצטערע גאר עלטערע יארן, האט די באבע געהאט ביי איר שבת טיש יעדע וואך, אלע בחורים אייניקלעך וועלכע האבן געלערנט אין ישיבה ומתיבתא תו"י דרב"י אין קרית יואל, ווען זי האט יעדעם אויפגענומען אין סערווירט מיט א געוואלדיגע געטריישאפט און צהלת פנים, וואס וועט זיך לאנג געדענקן אין די הערצער פון די אלע אייניקלעך און אור-אייניקלעך.

**פאר** יעדן שבת פלעגט זי פארטיילן חלות פאר די קינדער און אייניקלעך. דאס גוט ווארט וואס מען פלעגט אבער באקומען דערביי, און סאך מער ווערט געווען, זי האט יעדעם געמאכט שפירן אזוי ספעציעל, ווי צ.ב.ש. פאר א גרעסערע ראש המשפחה פלעגט זי אלעמאל זאגן: "פאר דיר האב איך געמאכט ספעציעלע גרויסע חלות ס'זאל זיין גענוג און נאך", א.א.וו. האט זי פאר יעדעם געהאט וואס צו זאגן יענעם צו מאכן שפירן ספעציעל און אייגענארטיג.

## אני מאמין באמונה שלימה

**די** באבע׳ס אמונה פשוטה איז געווען באוויסט ביי אלע וואס האבן זיך געדרייט ארום איה, כאטש די באבע׳ס לעבן איז נישט אלעמאל געווען קיין "מוציא מיט האניג", און די באבע האט מיטגעמאכט פארשידענע שווערע צייטן אין לעבן, אנגעהויבן פון אלס קינד ווען זי איז ליידער נישט געזונט געווען, שפעטער ביים דורכמאכן דעם ביטערן קריג ה"י ווי זי האט ליידער פארלוירן אירע עלטערן, זיידע באבע, און רוב פון אירע געשוויסטער, און ווייטער מיטן פארלירן איר מאן דער זיידע הרה"ח ר׳ משה ז"ל אין א יונגן עלטער. דאך האט זי קיינמאל נישט פארלוירן איר אמונה און בטחון אינעם בורא כל העולמים אפי׳ פאר א רגע.

**אלע** זמנים האט זי מקבל געווען מיט א שמייכל, צופרידן און גוטמוטיג, און האָט זיך קיינמאָל נישט מתרעם געווען על מדותיו ית"ש. זי האָט געלעבט מיטן באַשעפער, און זיך מחזק געווען אויף טריט און שריט. ווי ריכטיג האט זי פאַרווירקליכט די ווערטער פון די הייליגע רש"י אין פרשת שופטים "התהלך עמו בתמימות ותצפה לו ולא תחקור אחר העתידות אלא כל מה שיבא עליך קבל בתמימות ואז תהיה עמו ולחלקו".

**די** באבע האט זיך געשטארקט אויף אירע יסורים מיט אן אויסערגעוועגליכע שטארקייט, זיך האלטנדיג שטארק מיט איר פעלזן פעסטע בטחון וואס איז געווען אזוי טיף ארייננגעבאקן אין איה, אז אלעס וואס דער בורא פירט איז צום גוטן. די באבע פלעגט דאס אלץ חזר׳ן אז קיין שום שלעכטס קען נישט ארויס קומען פון אונזער באליבטע טאטע אין הימל.

## הוא בורא ומנהיג

**באזונדער** האט זיך עס ארויסגעשטעלט אין יענעם צום גדלי׳ נישט מער געדאכט, ווען דער חשובע זיידע ר׳ משה ז"ל איז ליידער פלוצלינג נסתלק געווארן לגנזי מרומים, האט דער באבע מקבל געווען דער נסיון מיט אן אויסטערלישע אמונה, נישט פארלוירן אפילו אויף א מינוט איר שמחת החיים.

**די** באבע איז דאן ווייטער אנגעגאנגען מיטן לעבן, ווייטער מחנך ווייטער די קינדער, אריינפלאנצנדיג אין זיי תורה און יראת שמים און זיך מחזק געווען מיט אירע מצות און מעשים טובים מיט אן אומגעהויערע מסירת נפש.

**א** מערקווירדיגער אנעקדאט איבער די באבעס אריינגעבאקענע אמונה דערציילט א קינד וואס איז אמאל געווען ביים דאקטער צוליב א געוויסע באהאנדלונג, למעשה איז דער דאקטער אבער פונקט נישט געווען ביי דער הויפט חלק פונעם פרעצודור. ווען דער קינד האט דערציילט די באבע דערוועגן, האט די באבע זיך גלייך אנגערופן: "אבער דער באשעפער איז יא געווען מיט דיר די גאנצע צייט, און אויב אזוי וואס איז א חילוק צו דער דאקטער איז יא אדער נישט געווען דארט".

**אזוי** אויך איז זי געווען גאר א שטארקע פאזעטיווע כאראקטער, וואס האט אלעמאל געטראפן דאס גוטס אין יעדן מצב, און כסדר געדאנקט השי"ת פאר זיינע פילע חסדים וואס ער האט כסדר מיט איר געטון.

## לעשות רצון אבינו שבשמים

**די** באבע'ס איינציגסטע און הויפט ציל און שטרעבן אין לעבן איז אלעמאל געווען, צו שאפן א נחת רוח פארן הייליגן באשעפער. דאס האט זי געוואלט, און דאס האט זי געטון, זוכנדיג מיט אלע מיטלן דאס אויסצופירן אויפן שענסטן פארנעם אין אלע מצבים.

**די** באבע האט זיך געשטארקט אין יעדע צייט אויסצופירן דעם רצון ה' מיט א שלימות. זי פלעגט זיך אלץ פרעגן, "וואס וויל דער אויבערשטער פון מיר יעצט?", סיי ווען עס איז געקומען צו חינוך הבנים והבנות, סיי ווען עס געקומען צו מקבל זיין אירע יסורים באהבה, אפילו ווען זי האט מיטגעמאכט דעם גהינום אין לאגער, איז דאס אייביג געליגן אויף איר געדאנק, וואס איז יעצט דער רצון הבורא.

## צאו לך בעקבי הצאן

**אן** עקסטערע כח האט די באבע אריינגעלייגט ווען עס איז געקומען צו חינוך. דער עיקר ביי די באבע איז געווען נאכצוגיין אין די פוסטריט פון די עלטערן, און נישט משנה זיין קיין זיז כל שהוא פון די אלטע מסורה ווי אזוי מען האט זיך געפירט אין דער אלטער היים.

**זי** האט אנגעהאלטן מיט גרויס מסירת נפש יעדע מאכל וואס מען האט זיך געפירט צו מאכן פאר די ימים טובים ומועדי השנה, ווי בארשט אויף פסח, קינדל אויף די הייליגע טעג, קרעפעלך, קרויט א.א.וו. זי האט דאס אלעס אליינס געמאכט אפי' שוין זייענדיג אין די גאר עלטערע יארן אריבער די ניינציג, און עס געשיקט פאר אלע קינדער און אייניקלעך מיט א ליבשאפט און איבערגעגעבענקייט.

**זי** פלעגט אסאך דערציילן און



**באבי ע"ה ביים מאכן די קרעפעלך לכבוד יו"ט**